**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אויף נאנט צו 40 מיליאן דאלער פארן קומענדיגן פאזע פון יוגנט עמפלוימענט פראגראם (YOUTH EMPLOYMENT PROGRAM) צו העלפן ניו יארק פארזעצן נידערן ביקס געוואלדטאטן**

***די קומענדיגע פאזע וועט צושטעלן ארבעט געלעגנהייטן און טרענירונג פאר נאך 2,500 יונגע מענטשן***

***דער פראגראם האט שוין פארבינדן טויזנטער יונגע מענטשן מיט ארבעט אין די לעצטערע יארן און געהאלפן פארמינערן ביקס געוואלדטאטן***

***שיסערייען זענען אראפ מיט 29% דורכאויס יולי אין די געמיינדעס איבער ניו יארק, גרייכנדיג היסטארישע פארקלענערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמעלדט אז נאנט צו 40 מיליאן דאלער איז געגעבן געווארן פאר די קומענדיגע פאזע פון דעם יוגנט עמפלוימענט פראגראם, וועלכע וועט העלפן ניו יארק פארזעצן נידערן ביקס געוואלדטאטן דורכן צושטעלן ארבעט געלעגנהייטן און טרענירונג פאר יונגנט אין-ריזיק אין געמיינדעס איבערן סטעיט. דער פראגראם שפילט א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק סטעיט'ס ביקס געוואלדטאטן עלימינאציע אינציאטיוו (Gun Involved Violence Elimination, GIVE), וועלכע פריט אן אין 21 קאונטיס מיט די מערהייט פון די סטעיט פאפולאציע אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

"פאבליק זיכערהייט איז מיין העכסטע פאראנט, און איך וועל אייביג קעמפן די מענטשן פון דעם סטעיט זאלן זיין זיכער און ארבעטן צו באשוצן אונזער מערסט עמפפינדליכע יונגנט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער יוגנט עמפלוימענט פראגראם שטארקט מיין אדמיניסטראציע'ס ארומנעמיגע צוגאנג צו מאכן א סוף צו די צרה פון ביקס געוואלדטאטן אין געמיינדעס איבער ניו יארק סטעיט, אין די זעלבע צייט מיט'ן צושטעלן יוגנט אין-ריזיק מיט ווערדפולע ארבעט ערפארונג און סקילז וועלכע וועט זיי העלפן צו האבן בעסערע צוקונפטן."

די 38.8 מיליאן דאלער וואס איז היינט געגעבן נעמט אריין אינוועסטירונגען אין ארום-דעם-יאר ארבעט און טרענירונג געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן אין ראיאנען וואס באקומען שטיצע פון די GIVE איניציאטיוו. די געלטער וועט ווארשיינליך צושטעלן באצאלטע ארבעט און טרענירונג געלעגנהייטן פאר אומגעפער 2,500 יונגווארג וואס פארדינען ווייניג איבער די געגנטער פון דעם סטעיט פון סעפטעמבער 2024 ביז יוני 2025.

| ראיאן | סכום |
|---|---|
| Capital Region | $2,513,157 |
| Central New York | $3,053,407 |

| | |
|---|---|
| $3,945,970 | Finger Lakes |
| $7,941,588 | Long Island |
| $10,526,973 | Mid-Hudson |
| $1,339,113 | Mohawk Valley |
| $511,728 | North Country |
| $2,090,487 | Southern Tier |
| $6,877,577 | Western New York |
| **$38.8 million** | **סך הכל** |

ניו יארק סטעיט'ס יוגנט עמפלוימענט פראגראם און GIVE איניציאטיוו האבן שוין באוויזן צו באווירקזאם שאפן געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן און פארמינערן ביקס געוואלדטאטן איבער'ן סטעיט.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט שוין דער יוגנט עמפלוימענט פראגראם פארבינדן טויזנטער יונגע מענטשן מיט ארבעט און טרעינירונג. די מערסט לעצטע פאזע פון דעם פראגראם איז געפירט געווארן פון יאנואר 1 - יוני 30, 2024, ווען אומגעפער 2,650 יונגע מענטשן האבן אנטייל גענומען אין דעם פראגראם, ארבעטנדיג אין שולעס, לייברעריס, רעסטאראנען, קעמפס/טשיילד קעיר פראגראמען, קאמיוניטי ארגאניזאציעס און אנדערע ארבעט פלעצער.

אלס רעזולטאט פון דעם פראגראם און אנדערע אינוועסטירונגען דורך GIVE, האט גאווערנער האקול אויך געמאלדן אנהויב וואך אז [שיסעריי אינצידענטן מיט קערפערליכע שאדן איז פארמינערט געווארן מיט 29 פראצענט](#) ביז יולי 2024 אין פארגלייך צו די זעלבע זיבן-מאנאטיגע לעצטע יאר, ווי עס איז געווארן איבערגעגעבן דורך די 28 פאליציי דעפארטמענטס איבער 21 קאונטיס וואס נעמען אנטייל אין די GIVE איניציאטיוו. אין פיל GIVE דיסטריקטס, איז שיסערייען ביים קלענסטן שטאפל לויטן רעקארד זינט די סטעיט האט אנגעהויבן נאכגיין די אינפארמאציע צוריק מיט צוויי יארצענדליג.

די היינטיגע מעלדונג צו אוואנסירן די קומענדיגע פאזע פון דעם יוגנט עמפלוימענט פראגראם וועט פארזעצן יענע ווירקזאמע ארבעט. נאכפארשונג ווייזט אז עמפפינדליכע אין-ריזיק און ארבעטסלאזע יוגנט קענען אויסשטיין שפעטער אין לעבן שוועריגקייטן, אריינעמיג ארעמקייט, מענטאל געזונט און זיין פארמישט אין קרימינאלע יוסטיץ. צו דערצו, יוגנט וואס האט בייגעוואוינט טראומא און ווילדטאטן קענעןליידן לאנג-טערמיניגע שעדליכע באווירקונגען שפעטער אין לעבן, אריינעמיג צוימען צו ערפאלגרייכע ארבעט און פינאנציעלע פעסטקייט.

די צווייטע פאזע פון דעם יוגנט עמפלוימענט פראגראם וועט ארבעטן פון סעפטעמבער ביז יוני. צו זיין בארעכטיגט צום פראגראם, מוז דער יוגנטליכער זיין צווישן דעם עלטער פון 14 און 20 און האבן א הויזווירטשאפט הכנסה אונטער 200 פראצענט פון די פעדעראלע ארעמקייט לעוועל, וועלכע רעכנט זיך לויט דאס גרויס פון די הויזווירטשאפט און, צום ביישפיל, איז $51,640 פאר א פאמיליע פון דריי.

די יוגנט עמפלוימענט פראגראם פראווידערס ווערן געמוטיגט צו מיטארבעטן מיט דעם לאקאלע איינגעפירטער געזעץ און אנדערע לאקאלע ארגאניזאציעס וואס באדינען יוגנט אין-ריזיק און מוזן מיטארבעטן מיט די לאקאלע SNUG סטריט אוטריטעש (SNUG Street Outreach) פראגראמען אויב אזעלכע פראגראמען זענען דא צו באקומען אין זייער דיסטריקט. די SNUG סטריט אוטריטעש פראגראם, וועלכע ווערט געפירט דורך די סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס, נוצט א פאבליק געזונטהייט צוגאנג צו אדרעסירן ביקס געוואלדטאטן דורכ'ן אידענטיפיצירן די מקור, שטערן פון דורכפירן, און באהאנדלען אינדיווידואלן, פאמיליעס און געמיינדעס וואס זענען אפעקטירט פון געוואלדטאטן.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער בארבארא צ. גווין האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז דורכן צושטעלן עמפפינדליכע אין-ריזיק יוגנט מיט ווערדפולע ארבעט ערפארונג און קאריערע שטיצע, קענען מיר זיי העלפן זיין באשוצט פון די לאנג-טערמיניגע באווירקונגען וועלכע די שעדליכע צירקל פון ביקס געוואלדטאטן קען האבן אויף אונזערע געמיינדעס. די יוגנט עמפלוימענט פראגראם וועט אונז העלפן בויען אויף די הצלחה פון דעם זומער יוגנט עמפלוימענט פראגראם דורכן שאפן מער ארום-דעם-יאר ארבעט געלעגנהייטן פאר יוגנט אין -ריזיק אין טיילן פון דעם סטעיט וואס זענען מערסט באווירקט דורך ביקס געוואלדטאטן און העלפן שטיצן א מער זיכערע און שטארקערע זיכערע געמיינדעס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמישאנער ראבערטא ריערדאן האט געזאגט,** "ארבעט געבט פאר יונגע מענטשן אין ניו יארק נישט בלויז א געפיל פון צוועק און ריכטונג, נאר אויך דאס וויסן און די סקילז צו וועלכע זיי נויטיגן זיך כדי צו בויען א ליכטיגערע, זיכערער צוקונפט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר'ן פארזעצן צו זיין איבערגעגעבן צו דאס ענטוויקלונג פון דאס ארבעטס קראפט, באזונדער פאר אונזער יוגנט, וועלכע וועט צום סוף באקרעפטיגן די עקאנאמיע פון אונזער צוקונפט."

**דער אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער ראזאנא ראסאדו האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר מאכן שותפות מיט לאקאלע געזעץ איינפירונג אגענטורן צו פארזעצן צו פארמינערן ביקס געוואלדטאטן, שטיצן מיר געמיינדע-באזירטע ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו מענטארינג, און פראגראמען און סערוויסעס פארן יוגנט און פאמיליעס. צוטריט צו ארום-דעם-יאר ארבעט פאר יוגנט איז קריטיש און פארגאנצט אונזער באמיונג. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אויף דעם פאבליק געזונטהייט ענין און איר איבערגעגעבנקייט צו צאלן פראגראמען וועלכע ערלויבן יוגנט, פאמיליעס, און געמיינדעס צו מצליח זיין."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישאנער דר. דאמיא העריס-מאדען האט געזאגט,** "די יוגנט עמפלוימענט פראגראם איז א קריטישע שטאנדטייל פון ניו יארק סטעיט'ס באמיונג צו פארשפרייטן פאזיטיווע יוגנט ענטוויקלונג, ארבעטס סקילז, און ווארשיינליכע זעלבסט-פעיגקייט. די פולשטענדיגע צוגאנג פון צושטעלן טויגליכע אקטיוויטעטן אין אומקאנטראלירטע צייטן און געלעגנהייטן פאר'ן יוגנט צו פארדינען לעגאלע הכנסה טראץ פארבאטענע אלטערנאטיוון, איז נויטיג אויב מיר ווילן פארמינערן ביקס געוואלדטאטן און פארברעכעריי. נאכפארשונג האט געוויזן אז יוגנט עמפלוימענט נעמט אראפ די שאנסן פון יוגנט ארעסטירונג פאר פארברעכן מיט 17%, דעריבער איז די גאווערנער'ס קלוגע שריט צו אינוועסטירן ארום-דעם-יאר יוגנט עמפלוימענט געלעגנהייטן."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן